**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/10/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקל מעלדט עקאנאמישע אינאוואציע פלאן צו פארמערן דזשאס און פארבעסערן ביזנעסער פארן צוקמפט פון ניו יארק סטעיט**

***געצילטע אינוועסטירונג וועט אנטוויקלונגע שטארקע-וואוקס אינדוסטריס און פארשטערקערן די סטעיט'ס צושטעל קייט***

***דער פלאן וועט אויסברייטערן אויסגעצייכענטע ביזנעס ציאונגס פראגראמען צו ברענגן מער וועלט-בארימטע פירמעס צו ניו יארק סטעיט און מטיגן דזשאב וואוקס.***

גאווערנער קעטי האקל האט היינט געמאלדן פלענער צו פארברייטערן עקאנאמישע מעגליכקייטן און אינאוואציע אין ניו יארק סטעיט דורך געצילטע אינוועסטירונגען, ביזנעס שטיצע, און אנדערע פראגראמען געצילט אויף שטארקע-וואוקס אינדוסטריעס אלץ טייל פון די 2023 צושטאנד פון די סטעיט (סטעיט אָוו די סטעיט). דער פארשלאג, וואס קוקט אויף שנעל וואקסענדע אינדוסטרי סעקטארן אזויווי טעכנאלאגיע, לעבן סייענסעס, און פארגעשריטענע פאדוקציע, שליסט איין מוסנאמען צו פארשטערקערן די סטעיט'ס צושטעל קייט און אויסברייטערן די פעסט-אוועקגעשטעלט ביזנעס ציאונג פראגראמען וואס האבן שוין אויפגעוויזן אז זיי מוטיגן וואוקס. די אלע ארבעט וועט מוטיגן ניו יארק'ס אינאוואציע עקאנאמיע און מטויגן ביזנעס אנטוויקלונג און דזשאב ערפינדונג דורכאויס די סטעיט.

"ניו יארק'ס סטאטוס אלס צענטער פון אינאוואציע איז מער ווי נאר א היסטארישע ירושה, עס צייגט אונזער וועג צו א מער ליכטיגע און בליענדע צוקומפט," **האט גאווערנאר האקל געזאגט.** "דורך לייגן געוויכט אויף שטארקע-וואוקס אינדוסטריס אזויווי טעכנאלאגע, לעבן סייענסעס, און פארגעשריטענע פראדוקציע, וועלן מיר ווייטער אויפמאכן נייע מעגליכקייטן, צו האלטן ניו יארק'ס עקאנאמיע איין טריט פאראויס פון די טעכנאלאגישע בייג און בלייבן דער פירער פון צושטעלן די דזשאבס פאר מארגן."

ניו יארק איז שוין פאראויס מיט ערפינדן דזשאבס פארן צוקומפט. צווישן 2010 און 2021, זענען 113,000 הויעך-פארדינער דזשאבס צוגעשטעלט געווארן אינעם טעק-סעקטאר, אריינגערעכנט אלעס פון וויסנשאפטליכע ריסורטש צו סאפטווער אנטוויקלונג, און ניו יארק ביזנעסער האבן אויפגעטריבן $53 ביליאן אין ווענטשור קאפיטאל אין 2021. ניו יארק איז איינער פון די בעסטע סטעיטס אינעם לאנד אין לעבן סייענסעס ווענטשור קאפיטאל געלטער און האט אנגענומגען מער ווי 580 נייע לעבן סייענסעס פירמעס זייט 2017, צולייגנדיג 9,700 נייע דזשאבס. אויך, מייקראן'ס היסטארישע $100 ביליאן אינוועסטירונג אין סעמיקאנדאקטער פראדוקציע אין צענטראל ניו יארק, וואס וועט צושטעלן נאך 50,000 נייע דזשאס, האט צוריגעברעכט די סטעיט צו זיין א צענטער פאר פארגעשריטענע פראדוקציע. די אנגייענדע אנטוויקלונג פון די און אנדערע שטארקע-וואוקס סעקטארן איז קריטיש אז ניו יארק'ס עקאנאמיע זאל ווייטער שטייגן.

**ענפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט און CEO און קאמישינער האוף נייט זאגן,** "אונטער גאווערנאר האקל'ס פירערשאפט האבן מיר איינגעפירט א ברייטע צוגאנג צו העלפן פארגרעסערן די סטעיט'ס עקאנאמיע דורך מוטיגן ניו יארק'ס שטארקקייטן צו ערפינדן דזשאבס און צושטעלן עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר אלע. גאווערנאר האקל'ס גוטע עקאנאמישע סטראטעגיע וועט בויען אויפ'ן סטעיט'ס עקאנאמיע דורך צילן שטארקע וואוקס אינדוסטריעס און שטיצן סאסטעינעביליטי, דערווייל וואס עס שטעלט צו אן עקאנאמיע וואס הייבט אלע ניו יארקערס און פארזיכערט צוקומפטיגע הצלחה פאר אונזער סטעיט."

## טעכנאלאגיע אינאוואציע מעטשינג פראגראם

גאווערנאר האקל האט פארגעשלאגן א טעכנאלאגישע אינוואציע מעטשינג פראגראם, וואס וועט צושטעלן מיליאנען דאלארן אין מעטשינג גרענטס פאר ניו יארק פרימעס וואס ווענדן זיך אן פאר די קליינע ביזנעס אינאוואציע ריסורטש און קליינע ביזנעס טעכנאלאגיע אריבערפירונג פראגראמען, צווי קאנקורירנדע פעדעראלע פראגראמען - באקאנט אלס "אמעריקע'ס דיס פאנד" - וואס מוטיגן קליינע ביזנעסער צו אנטייל נעמען אין ריסורטש און אנטוויקלונג מיט די מעגליכקייט צו ווערן קאמערשאל. ווי עס שטייט יעצט, האבן מער פון האלב פון די סטעיט'ס אינעם לאנד א מעטשינג גרענט פראגראם פאר זייער SBIR/STTR אפליקאנטן. ניו יארק טוט נישט - וואס דאס נעמט אוועק פון ניו יארק'ס מעגליכקייט צו קאנקורירן און ציען ביזנעסער וואס קענען צושטעלן אינאוואציע אינוועסטירונגן. דער מעטשינג אינוועסטמענט וועט שטיצן די וואוקס פון קליינע ביזנעסער און די אנטוויקלונג פון נייע וויסנשאפטליכע פארשריט, דערווייל וואס עס וועט צושטעלן דזשאבס און האלטן ניו יארק אלס קאנקורירנד מיט אנדערע סטעיטס פאר די אינוועסטירונגען.

## אינוועסטירן אין צעלן און דזשין טעראפיע

געבויעט אויף ניו יארק'ס פאזיציע אלס א פירער אין די שנעלע-וואוקס לעבן סייענס סעקטאר, האט גאווערנאר האקל פארגעשלאגן דאס ערפינדונג פון צווי צעל און דזשין טעראפיע ( Cell and Gene Therapy, CGT) צענטערן - איינס אפסטעיט און איינס דאונסטעיט. CGT באהאנדעלט קראנקהייטן, אזויווי קענסער, דורך פראדוצירן איבער-געפראגראמטע פאציענט צעלן צו אדער פאררעכטן די וואס מאכן דעם קראנקהייט אדער אוועק'הרג'נען טומארס. מיט איין דריטן פון אלע פריוואטע אינוועסטירונגען אין 2021 געצילט צו CGT, איז ניו יארק אין א גוטע פלאץ צו העלפן אנטוויקלען די נייע, שטארקע-וואוקס סאב-סעקטאר פון די לעבן סייענסע אינדוסטרי. די אפסטעיט צענטער וועט נוצן עקסיזטירנדע אינסטיטוציע צו אויספירן ריסורטש און אנטוויקלונג פון צעל און דזשין טעראפיעס, און די דאונסטעיט צענטער וועט צושטעלן דירעקטע צוטריט צו CGT פאר גרויסע פאציענט באפעלקערונג. יעדע צענטער וועט נוצן פארגעשריטענע קלינישע ריסורטש ווי אויך טרעפן וויכטיגע CGT אינפרעסטרוקטור, טעכנאלאגיע, און סערוויסעס.

## פארשטערקערן ניו יארק'ס צושטעל קייט

אזויווי לעצטיגע גלאבאלע עקאנאמישע מארקעט צושטעל מאנגלען האבן געצייגט, איז נישט נאר קריטיש צו פארזיכערן די סטעיט'ס צושטעל קייט צו פארזיכערן די געזונט און וואוילזיין פון ניו יארקערס, נאר אויך צו פארמיידן שטערונגען פאר אונזער עקאנאמיע. גאווערנאר האקל האט געמאלדן א נייע 'געמאכט אין ניו יארק' פראגראם צו פארזיכערן צושטיל קייטן וויכטיג פאר סחורה און פראדוקטן דורך ציען און שטיצן די אינדוסטריס וואס שטעלן צו וויכטיגע סופלייז פאר פראדוקציע אין ניו יארק. סטעיט אגענטורן וועלן ארבעטן צוזאמען צו אידענטיפיצירן קריטישע אינדוסטריס צו ציען דאס וואס וועט פארבעסערן די סטעיט'ס עקנאמישע זיכערהייט און וואוקס דורך צושטעלן וויכטיגע פראדוקטן. ESD וועט דאן ארבעטן מיט די אינדוסטריס און צושטעלן געצילטע סטימולן זיך צו אריבערציען צו ניו יארק.

## אויסברייטערן וויכטיגע ביזנעס ציאונג פראגראמען

גאווערנאר האקל זאגט אן עמפייער סטעיט אנטוויקלונג צו פארבעסערן און אויסברייטערן עקזיסטירנדע ביזנעס ציונג פראגראמען און עס מאכן ווערד צו אינוועסטירן אין אינאוואציעס און ווייטער פארמערן דזשאבס און ביזנעסער פארן צוקומפט.

*פארבעסערטע עקסעלסיור דזשאבס פראגראם*

די עקסעלסיור דזשאבס פראגראם שטעלט צו באווייז-באזיכטע טעקס קרעדיטס פאר צושטעלן דזשאבס, אינוועסטירונגען, און ריסורטש-און-אנטוויקלונג פראיעקטן פאר ביזנעסער אין געצילטע אינדוסטריד וואס ציען זיך אריבער אדער וואקסן אין ניו יארק סטעיט. צו בויען אויף די סוקסעספולע פראגראם, וועט גאווערנאר האקל פארבעסערן עקסעלסיור צו שטיצן נאך וויכטיגע סטעיט פריאריטעטן אזויווי שטיצן שוואכערע קאמיוניטיס און באפעלקערונגען און וואנסירן די גרינע עקאנאמיע.

דורך עקסעלסיור, וועט נאך שטיצע ווערן געגעבן צו פראיעקטן מיט LEED זילבער סערטיפיקעישאן אדער העכער אדער די וואס זענען אין שוואכערע קאמיוניטיס. די ענדערונגען וועלן פארבעסערן און פארברייטערן ניו יארק סטעיט'ס ארבעט צו ציען ביזנעסער און צושטעלן דזשאבס, דורך מוטיגן סוסטעינעביליטי און מאכן ניו יארק א מער אייניגע פלאץ צו וואוינערן און ארבעטן. עקסעלסיור וועט בעסער אפשפיגלען די סטעיט'ס פריאריטעטן פון סוסטעינעביליטי און מוטיגן אינוועסטירונגען אין שוואכערע קאמיוניטיס.

*עקסטענדעד פראספעריטי און אינאוואציע קאמפוסעס ( Extended Prosperity and Innovation Campuses - EPIC)*

ESD וועט אנהויבן די עקסטענדעד פראספעריטי און אינוואציע קאמפוסעס (EPIC) פרגראם, צו מוטיגן די וואוקס פון נייע ביזנעסער און העלפן פארמירן שטארקע שותפות צווישן די פריוואטע סעקטאר און די סטעיט'ס פירנדע עדיוקעישאנעל צענטערן. טעכאנלאגיע-פארבינדענע אינאוואציעס זענען געווען א שטארקע וואוקס פירער פארן סטעיט, פירנדיגע צו מיליאנען דאלארן פון אינוועסטירונגע אין גוטע-פארדינסט דזשאבס. גאווערנאר האקל ווייסט אז מיט נאך שטיצע פאר אונזער עקזיסטירנדע אינאוואציע פראגראמען, קען ניו יארק פירן די לאנד מיט אנטוויקלונג פון נייע טעכנאלאגיע און באקומען די בענעפיטן פון אומפארויסגעזענע עקאנאמישע וואוקס.

EPIC ערזעצט די START-UP NY פראגראם, וואס איז געווען באגרעניצט שוין ביים ערפינגונג. EPIC וועט: האבן די זעלבע באדינגונגען, בענעפיטן, און בארעכטיגטקייט תנאים אפסטעיט און דאונסטעיט; שטיצן א ברייטערע גאמע פון אינאוואציע ביזנעסער; זיין בעסער אויסגעארבעט און אוועקנעמען שטערונגען; און פארמערן די פלאץ אין די סטעיט געאייגענט פארן וואוקס פון אינאוואציע און צושטעלן דזשאבס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418